פֿולע טאבעלע פֿון דער מלוכה-לאטעריע זעה זייט 3.

Opłata pocztowa niszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 272 | Łódź, Środa, 23 listopada 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, כ״ד מרחשון תרצ״ג | № 272

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# דייטשער קאבינעט=קריזיס דויערט

## בריף-ווערסעל צווישען הינדענבורג און היטלער

בערלין, 22 (ספ. טעל.) דער מלוכה-סעקרעטאר מייסנער האט היינט איבערגעגעבען היטלערן הינדענבורגס ענטפער אויף היטלערס פראגען, דער אינהאלט פון ביידע בריף ווערט געהאלטען שטרענג בסוד. לויט אינפארמאציעס פון קאנטי-ביורא, האט הינדענבורג געזאלט ענטפערען, אז ער קען נישט איבערגעבען די מיסיע צו שאפען א פרעזידענטען־רעגירונג קיין שום פארטיי-אנפיהרער.

היינט זענען ווייטער פארגעקומען בעראטונגען אין היטלערס הויפט-קווארטיר. מ׳האט געטראכט וועגען דעם, וואס פאר אן ענטפער מען זאל מאכען געבען הינדענבורגען.



ארנאלף היטלער -קאנדידאט אויף קאנצלער

## אפגעשטעלט עקזעקוציעס ביי סוחרים

### וואס האבען געליטען פון די לעצטע אנטי-יודישע עקסצעססען אין לעמבערג

לעמבערג, 22 (טעלעפאניש) די פינאנץ-קאמער אין לעמבערג האט אפגעשטעלט די עקזעקוציעס ביי די סוחרים, וועלכע האבען געליטען בעת די לעצטע אנטי-יודישע עקסצעסען אין לעמבערג. דאס איז געשעהען א דאנק דער אינטערווענץ פון דעפ. יעגער ביי דער מאכט.

## די אויספיהרער פון אטענטאט אויף הערריא

### זענען נאך נישט ענטדעקט געווארען

פאריז, 22 (ספ. טעל.) דאס זוכען די אויספיהרער פון אטענטאט אויף הערריא, האבען דער־ווייל נישט געגעבען קיין רעזולטאט. עטליכע דעטעקטיוון האבען, אין נאמען פון אלע פארלאמענט־מיטגלידער פון בריטאנער דעפארטאמענט, אויסגעדריקט הערריאן זייער צופרידענהייט צוליב׳ן אויסמיידען דעם אטענטאט. גלייכצייטיג האבען זיי פערזיכערט, אז די בריטאנער זענען לויאל און טריי פראנקרייך. די דעפוטאטען האבען פעסטגעשטעלט, אז זיי קענען נישט פערשטעהען דעם דאזיגען וואנדזיניגען טאט געגען פרעמיער, וועלכער האט אזוי גרויסע רעפורמען דורכגעפיהרט און האט ארויסגעוויזען פיל סימפאטיע פאר די בריטאנער פראווינץ און איז געווען דער ערשטער פראנצויזישער פרעמיער, וועלכער האט אפגעגעבען אן אפיציעלען וויזיט בריטאניען.

## פערמאכט א טייל סאציאליסטישע פרעסע אין דייטשלאנד

בערלין, 22 (ספ. טעל.) היינט איז פערמאכט געווארען אויף 5 טאג די גאנצע סאציאליסטישע פרעסע, וואס געהט ארויס אין אונטער־רהיין. די פעראָרדנונג איז געקומען צוליב אן אנגריף אויפ׳ן פרייסישען קאמיסאר ד״ר בראכט.

## נערוועזישע שטימונג אויף דער לאנדאנער בערזע

### ענגלישער פונט פאלט ווייטער

לאנדאן, 22 (ספ. טעל.) אויף דער בערזע איז היינט געמאכט געווארען טראנזאקציעס אין א זעהר נערוועזישער אטמאספערע. דער ענגלישער פונט איז ווידער געפאלען. גאלד איז געשטיגען. מיט גרויס שפאנונג ווערט געווארט אויף די בעראטונגען פון הובער מיט רוזוועלטען. די דאזיגע בעראטונג דארף אויפקלערען די סיטואציע. ס׳הערשט די איבערצייגונג, אז אויב די בעראטונג וועט נישט געבען קיין גינסטיגע רעזולטאטען וועט דער פונט פאלען.

## מיניסטער בעק אין גענף

גענף, 22 (ספ. טעל.) מיניסטער בעק האט היינט אפגעהאלטען א קאנפערענץ מיט עריק דרומאן. ס׳זענען ארומגערעדט געווארען אלע אקטועלע פראגען פון דער ליגע טעטיגקייט, וואס אינטערעסירען פוילען. דאן האט מיניסטער בעק קאנפערירט מיט׳ן ענגלישען אויסערן-מיניסטער סימאן און פראנצויזישען קריגס-מיניסטער פאול באנקור.

## ווינטער-פעריען פאר שול-קינדער

### וועלען דויערען פון 23 דעצעמבער ביז׳ן 15 יאנואר

ווארשא, 22 (טעלעפאניש). דאס בילדונגס-מיניסטעריום האט ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג, אז די ווינטער-פעריען פאר אלע שול-קינדער זאלען זיך אנהויבען דעם 23. דעצעמבער און זאלען דויערען ביז׳ן 15 יאנואר.

## יודישע שילער אין יוגאסלאוויען

### ווערט ערמעגליכט צו געהען שבת אין שוהל

בעלגראד (יט״א) לויט דער פעראָרדנונג פון יוגאסלאווישען בילדונגס-מיניסטער איז די יודישע שילער פון די מיטעל-שולען ערלויבט געווארען צו געהען שבת דאווענען אין שוהל פון 10 ביז 12 א זייגער פארמיטאג, חוץ דעם ווערען אלע יודישע שילער בעפרייט אויף די יודישע יום-טובים.

## דאנקזאגונג.

דערמיט דריק איך אויס מיין בעסטען דאנק דעם געעהרטען פרעזעס פון דער לאדזער יוד. גמינע סיים-דעפוטאט ה׳ ל. מינצבערג ווי אויך פרעזעס ה׳ בערגער מיט דער גאנצער פערוואלטונג, ווי אויך דעם געעהרטען סעקרעטאר ה׳ נאדעל פאר זייער עדעל מיטגעפיהל.

מתעפק
יובי׳ אייזען.

479

טעאטער „סקאלא" 15 שרודמיעסקא 15

פרייטאג, ד. 25 נאוועמבער 9 א זייגער אווענד

הומאר, הומאר, הומאר!

דער טריומף פון דער „יודישער באנדע" וועט זיין אויף דעם

י. אבערזשאנעק=אווענד א. נ.

מ׳קאן קייכען פון גערעכטער

פרייטאג,
דעם 25 נאוועמבער, 9 אווענד
דאס וועט זיין א

גרויסע הומאריסטישע

טעאטער=פארשטעלונג

אזא פראגראם גיט די „יודישע באנדע"

נאר צום י. אבערזשאנעק=אווענד

לעזט אויף דער 9-טער זייט די פרטים פון רייכען פראגראם

